בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת ויצא
ט כסלו
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 8
(60)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ.

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, אַז מֶען הָאט פַארְטוּישְׁט דֶעם בֶּן מֶלֶךְ מִיטְ'ן בֶּן הַשִּׁפְחָה, אוּן דֶער עוֹלָם הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן שְׁטִילֶערְהֵייט אַז דֶער בֶּן הַמֶּלֶךְ אִיז פַארְטוּישְׁט גֶעוָוארְן, בֶּאֱמֶת אִיז דֶער 'בֶּן הַשִּׁפְחָה' דֶער זוּן פוּנֶעם קֶענִיג. אֵיין טָאג אִיז אֵיינֶער גֶעגַאנְגֶען אוֹיסְזָאגְן דֶעם סוֹד פַאר'ן בֶּן מֶלֶךְ, אַז מֶען זָאגְט אוֹיפְ'ן 'בֶּן הַשִּׁפְחָה' אַז עֶר אִיז בֶּאֱמֶת דֶער זוּן פוּנֶעם קֶענִיג, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן שְׁפִּיצְלֶעךְ פַאר יֶענֶעמְ'ס טַאטֶע, וָואס אִיז בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען זַיין טַאטֶע, דֶערְנָאךְ אִיז דֶער קֶענִיג גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי מְלוּכָה, הָאט עֶר מֶער שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן פַאר יֶענֶעם, הָאט זִיךְ יֶענֶער אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיין זוּן: אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, וַוייל מִמָּה נַפְשָׁךְ, בִּיסְטוּ מַיין קִינְד, הָאבּ אִיךְ זִיכֶער רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר; בִּיסְטוּ נִישְׁט מַיין קִינְד, נָאר בִּיסְט דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ, הָאבּ אִיךְ נָאךְ מֶער רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, וַוייל דֶער קֶענִיג וִויל דִיךְ אוֹיסְרַייסְן, דֶערְפַאר מוּזְטוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָא. דָאס הָאט אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן, "פַארְוָואס קוּמְט מִיר דָאס אַז אִיךְ זָאל דַארְפְן אַנְטְלוֹיפְן?! וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג?!"

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

נָאר דֶער מֶלֶךְ דֶערְלַאנְגְט אַלְץ דֶערְוַוייל אַלֶע מָאל שְׁפִּיצְלֶעךְ. אֵיינְס נָאךְ עֶם אַנְדֶערְע. הָאט זִיךְ דֶער זוּן מְיַישֵּׁב גִיוֶוען (דְהַיְינוּ דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז פַארְבִּיטְן גִיוָוארְן) עֶר מוּז אַנְטְלוֹיפְן. הָאט אִים דֶער פָאטֶער גִיגֶיבְּן אַסַאךְ גֶעלְט. אוּן עֶר אִיז זִיךְ אַוֶועק. הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן. וָואס עֶר אִיז פַארְטְרִיבְּן גִיוָוארְן פוּן זַיין מְדִינָה אוּמְזִיסְט. ווָארְן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּם גִיקוּקְט. פַארְוָואס קוּמְט מִיר דָאס אַז אִיךְ זָאל פַארִיטְרִיבְּן וֶוערְן. בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ דֶער בֶּן מֶלֶךְ. קוּמְט מִיר בְּוַודַּאי נִיט דָאס אַז אִיךְ זָאל פַארְטְרִיבְּן וֶוערְן. אוּן אֲפִילוּ אַז אִיךְ בִּין נִיט דֶער בֶּן מֶלֶךְ. קוּמְט מִיר אוֹיךְ נִיט דָאס אַז אִיךְ זָאל זַיין אֵיין בּוֹרֵחַ (דְהַיְינוּ אֵיין אַנְטְלָאפִינֶער) אוּמְזִיסְט. ווָארְן וָואס הָאבּ אִיךְ גִיזִינְדִיגְט וָואס בִּין אִיךְ דָא שׁוּלְדִיג. הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן אוּן מֵחֲמַת דֶעם הָאט עֶר זִיךְ גִינוּמֶען צוּם טְרוּנְק. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען לְבֵית הַזּוֹנוֹת (דְהַיְינוּ אִין דִי שְׁטִיבֶּער וואוּ הוּרְן זִיצְן) אוּן עֶר הָאט גִיוָואלְט דֶערְמִיט זִיךְ פַארְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע יָארְן. עֶר זָאל שִׁיכּוֹרְן אוּן זָאל נָאךְ גֵיין נָאךְ וָואס זַיין הַארְץ גְלוּסְט. וַוייל עֶר אִיז פַארְטְרִיבְּן גִיוָוארְן אוּמְזִיסְט. אוּן דֶער מֶלֶךְ (דְהַיְינוּ דֶער פַאלְטְשֶׁער בֶּן מֶלֶךְ דֶער פַארְבִּיטֶענֶער וָואס עֶר אִיז גִיוָוארְן מֶלֶךְ) הָאט אָפְּגִינוּמֶען דִי מְלוּכָה שְׁטַארְק. אוּן אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס גִיהֶערְט אַז מֶענְשְׁן מוּמְלֶען אוּן שְׁמוּסְן עֶפֶּעס דֶערְפוּן (דְהַיְינוּ אַז זֵיי זֶענֶען פַארְבִּיטְן גִיוָוארְן כַּנַּ"ל הָאט עֶר זֵיי מַעֲנִישׁ גִיוֶוען כְּלוֹמַר גִישְׁטְרָאפְט אוּן גִיפַּיינִיקְט) אוּן הָאט זִיךְ אִין זֵיי נוֹקֵם גִיוֶועהְן. אוּן עֶר הָאט גִיקִינִיגְט בְּתוֹקֶף וְעוֹז.

## פַארְוָואס לַייד אִיךְ אוּמְזִיסְט?

אַז מֶען וֶוען גוּט קוּקְן וֶועט מֶען זֶען אַז רֻבָּם כְּכוּלָּם אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דִי אִידִישֶׁע וֶועג רַחֲמָנָא לִצְלָן, זֶענֶען עֶפֶּעס נִישְׁט צוּפְרִידְן, זֵיי זֶענֶען עֶפֶּעס גֶעוָוארְן בַּאעַוְלָה'ט, צִי דוּרְךְ טַאטֶע מַאמֶע, צִי דוּרְךְ אַ זֵיידֶע, צִי אִין יְשִׁיבָה, צִי דוּרְךְ אֵיינֶע פוּן זַיינֶע מְלַמְּדִים וְכַדּוֹמֶה, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר שׁוֹין אַ טַעֲנָה: **"מֶען הָאט מִיר בַּאעַוְלָה'ט, מֶען הָאט מִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט, אִיךְ הֵייבּ אָן טְרִינְקֶען, אִיךְ הֵייבּ אָן נָאכְגֵיין מַיין הַארְץ, אִיךְ גֵיי אָפְּלָאזְן דִי גוּטֶע וֶועג"**, אַלֶעס אִיז צוּלִיבּ דִי טַעֲנָה וָואס עֶר הָאט: **"פַארְוָואס לַייד אִיךְ אוּמְזִיסְט? וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג?"**

וַיְהִי הַיּוֹם. אִיז דֶער מֶלֶךְ גִיפָארְן מִיט זַיינֶע שָׂרִים. נָאוְולָאוְוִיֶ (דְהַיְינוּ חַאפְּן חַיּוֹת).

## פַאנְגֶען חַיּוֹת

אַזוֹי פְלֶעגְט זַיין פַארְצַייטְנְס דֶער סֵדֶר. הַיינְט אִיז דָאס נָאךְ דָא אִין גֶעוִויסֶע לֶענְדֶער מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן לִיבּ צוּ פַאנְגֶען חַיּוֹת, דָאס אִיז זֵייעֶר פַארְבְּרֶענְג; לֶעצְטְנְס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ נֵייעֶס אַז דֶער פְּרֶעזִידֶענְט פוּן רוּסְלַאנְד אִיז גֶעפָארְן כַאפְּן חַיּוֹת.

אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אַ שֵׁיין אָרְט. אוּן אַ טַייכְל וַואסֶער אִיז גִיוֶוען פַאר דֶעם אָרְט. הָאבְּן זֵיי זִיךְ גִישְׁטֶעלְט דָארְט אָפְּרוּעֶן זִיךְ. אוּן הָאבְּן זִיךְ גִיוָואלְט דָארְט שְׁפַּאצִירְן הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ אַבִּיסְל צוּגִילֵייגְט. אִיז אִים גִיקוּמֶען אוֹיף אִין זִין דִי מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט גִיטָאן. וָואס עֶר הָאט פַארְטְרִיבְּן דֶעם דָאזִיגְן אוּמְזִיסְט. וָוארְן מִמָּה נֶפְשָׁךְ. אִיז עֶר אַנְדֶערְשׁ דֶער בֶּן מֶלֶךְ. לֹא דַי וָואס עֶר אִיז פַארְבִּיטְן גִיוָוארְן, פַארְוָואס זָאל עֶר נָאךְ פַארְטְרִיבְּן וֶוערְן אוּמְזִיסְט. אוּן אַז עֶר אִיז נִישְׁט דֶער בֶּן מֶלֶךְ. קוּמְט אִים אוֹיךְ נִיט אַז מֶען זָאל אִים פַארְטְרַייבְּן. וָוארְן וָואס הָאט עֶר גִיזִינְדִיגְט. הָאט דֶער מֶלֶךְ זִיךְ פַארְטְרַאכְט אִין דֶער זַאךְ אוּן הָאט חֲרָטָה גִיהַאט אוֹיף דֶער עֲבֵירָה אוּן אוֹיף דֶער גְרוֹיסֶער עַוְולָה וָואס עֶר הָאט דָא גִיטָאן.

## עֶר קוּמְט נִישְׁט אָן אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן

מֶען זֶעט דָא אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַארְנוּמֶען, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשֶׁעפְטִיגְט, קוּמְט עֶר אֲפִילוּ נִישְׁט אָן אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן: "טוּ אִיךְ גוּט אָדֶער נִישְׁט גוּט?" "וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן?" "פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיגְן?" "פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט?"

## וָואס אִיז דַיין וַוייבּ שׁוּלְדִיג?

רוֹב מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אִין דִי מַצָּב, מֶען לוֹיפְט אוּן לוֹיפְט, מֶען אִיז פַארְנוּמֶען, מֶען קוּמְט אוּן גֵייט, מֶען דַארְף דָאס עֶרְלֶעדִיגְן אוּן יֶענְץ עֶרְלֶעדִיגְן, דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט אֲפִילוּ נִישְׁט אַז עֶר דַארְף 'אַרַיינְטְרַאכְטְן', שְׁטֶעל זִיךְ אֵיין מִינוּט אָפּ, טְרַאכְט אַרַיין: "בִּין אִיךְ גֶערֶעכְט אָדֶער נִישְׁט גֶערֶעכְט?" "אִיךְ שְׁרֵיי אוּן אִיךְ רֶעג זִיךְ, פַארְוָואס? אֵיינֶער קוּמְט מִיר עֶפֶּעס? אֵיינֶער אִיז מִיר עֶפֶּעס שׁוּלְדִיג

"**אִין לֶעבְּן?**" דער מענטש כאַפּט אֲפִילוּ נִישט וואס אִיז דִיר דַיין ווייבּ שוּלְדִיג אַז עס האט זִיך נִישט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט דִי וֶועג?! וואס אִיז דִיר דַיין ווייבּ שוּלְדִיג אַז עס האט זִיך נִישט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט דִי עֶסְן?! "וואס זֶענֶען דִיר מֶענְטְשְׁן בִּכְלָל שוּלְדִיג?!

## וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע גֶעיְעגֶענִישׁ?

דער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן י'), "**מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרֵךְ**", פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן ווייט פוּנֶעם אייבערשטן? "**מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב־הַדַּעַת**", ווייל מען האט נִישְׁט קיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, "**וְהָעִקָּר - לְהִשְׁתַּדֵּל לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב, מַה הַתַּכְלִית מִכָּל הַתַּאֲווֹת וּמִכָּל עִנְיְנֵי הָעוֹלָם הַזֶּה, הֵן תַּאֲווֹת הַנִּכְנָסוֹת לַגּוּף, הֵן תַּאֲווֹת שֶׁחוּץ לַגּוּף, כְּגוֹן כָּבוֹד, וְאָז בְּוַדַּאי יָשׁוּב אֶל ה'**", דער עִיקָר דַארְף מען זיך בַּארֶעכֶענֶען יעדן טאג און זיך פְרֶעגְן: 'וואס? וואס איז דער תַּכְלִית פון אַלֶע תַּאֲווֹת און אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, ווי כָּבוֹד וְכַדּוֹמֶה, וואס ווֶעל איך האבן פון נָאכְלוֹיפְן אַלֶע מַיינֶע גְלִיסְטֶענִישְׁן? עס בְּלַייבְּט דאך גאַרנִישְׁט איבער פוּנֶעם מענטש, נָאר דאס בִּיסְל עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ וואס אַ מענטש כאַפּט אַריין בָּזֶה הָעוֹלָם, אַז מען טְרַאכְט אַריין מיט אַ קְלָארֶע קָאפּ זֶעט מען אַז אַלֶעס איז טַאקֶע נַארִישְׁקֵייטְן און מען קֶערְט זיך צוּרִיק צוּם אייבערשטן. דער רֶבִּי גֵייט ווייטער, פַארְוָואס טַאקֶע האט אַ מענטש נִישְׁט קיין יִשּׁוּב הַדַּעַת? ווייל מען איז נישט פְרֵיילִיךְ, דער מענטש איז אַזוֹי פַארְבִּיטֶערְט פון אַלֶעס וואס גֵייט אַרִיבֶּער אויף אים, וואלט אַ מענטש אָנְגֶעהוֹיבְּן צו זיין פְרֵיילִיךְ מיט די נְקוּדוֹת טוֹבוֹת וואס ער האט, וואלט ער בַּאקוּמֶען יִשּׁוּב הַדַּעַת, ער וואלט זיך גֶעקֶענְט אַבִּיסְל בַּאזֶעצְן און טְרַאכְטְן '**וואס איז די גַאנְצֶע גֶעיְעגֶענִישׁ? וואס איז די גַאנְצֶע זַאךְ פַארְוָואס אִיךְ בִּין בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן? וואס טוּ אִיךְ דָא אויף דער וועלט? אִיךְ דְרֵיי זיך דָא אַרוּם ווי אַ נַאר, אִיךְ שְׁטֵיי אויף און אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן, אִיךְ קוּם און אִיךְ גֵיי, אִיךְ טוּ גָארְנִישְׁט**'.

## דוּ מַאכְסְט מִיר מָרָה שְׁחוֹרָה!

אַלֶץ ווען עס קוּמֶען די הֵיילִיגֶע טֶעג, עס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עס קוּמְט עֶרְנְסְטֶע זְמַנִּים, אָדֶער ווען מען הֵייבְּט אָן רֶעדְן פון 'תַּכְלִית', הֶערְט מען מענטשן זָאגְן: "**דוּ מַאכְסְט מִיר מָרָה שְׁחוֹרָה!**" ווילאַנְג ער קוּמְט, ער גֵייט, עס טוּט זיך... איז אים גוּט, דַאן איז ער רוּאִיג, אֵיינְמָאל ער הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן פון תַּכְלִית, "**וואס איז מַיין פְּלַאן? וואס טוּ אִיךְ דָא אייבערשטער?**" ווערט אים פִינְסְטֶער פַאר די אוֹיגְן, עס ווערט אים 'מָרָה שְׁחוֹרָה'.

## אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת אויף מִיר?

ווען מען הֶערְט אַ נַייעס אַז אֵיינֶער איז געשטארבן לֹא עָלֵינוּ ווערט אַ טוּמֶל, מענטשן ווערן מַמָּשׁ צֶעדְרֵייעט, מען זָאגְט: "**רעד נישט פון דעם, איך קען דאס נישט נעמען**". לֵיידער האט מען יֶעצְט גֶעהֶערְט אין די נַייעס אַז מען האט אויסגעשאלטערט אַ מַאשִׁין (רֶעסְפִּירֵעיטֶער) פון אַ יוּנְגֶע מֵיידְל, מענטשן ווערן זייער דערשראקן: "**וואס הייסט איך בין נישט בַּעַל הַבַּיִת אויף מיר? אֶפְשָׁר וועל איך שטארבן?!**"

## צָרוֹת צְרוּרוֹת פַאר אַנְדֶערֶע

דאס איז גֶעוֶוען מִיטְ'ן קֶענִיג, ער האט אָנְגֶעמַאכְט צָרוֹת צְרוּרוֹת פַאר אַנְדֶערֶע, און האט קֵיינְמָאל נישט אַרֵיינְגֶעטְרַאכְט וואס ער טוּט, ווי נָאר ער איז גֶעגַאנְגֶען אַבִּיסְל זיך אָפְּרוּעֶן האט ער אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן וואס ער האט אַלֶץ גֶעטוֹן פַאר מענטשן, און האט אָנְגֶעהוֹיבְּן חֲרָטָה הָאבְּן דֶערוֹיף.

און דער מֶלֶךְ האט זיך נישט גִיקָאנְט קיין עֵצָה גִיבְּן. וואס ער זָאל דָא טָאן. און שְׁמוּסְן קען מען אַזוֹי אַ זַאךְ נִיט מיט קיין שׁוּם מענטשן מען זאל מיט אים אַיין עֵצָה הַאלְטְן (וואָרן מען שֶׁעמְט זיך בְּוַדַּאי אַזוֹינְס צו שְׁמוּסְן מיט לַייט).

## אֶפְשָׁר איז דאס טַאקֶע אֱמֶת

דער רֶבִּי זָאגְט דָא אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, אַז דער קֶענִיג האט זיך נישט גֶעקֶענְט אָן עֵצָה גֶעבְּן וואס צו טוּן, ווייל גֵיין רֶעדְן מיט מענטשן זיך נָאכְפְרֶעגְן צִי דאס איז אֱמֶת קען ער דאך נישט, ווייל 'אֶפְשָׁר איז דאס טַאקֶע אֱמֶת' און מען ווֶעט אויסטוּן זַיין קְרוֹין.

## מען קען נָאר רֶעדְן בַּיי 'הִתְבּוֹדְדוּת'

יֶעדֶעס מָאל אִיךְ לֶערְן די מַעֲשֶׂה טְרַאכְט אִיךְ אַריין וואס דער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז דָא; עס איז דָא זַאכְן וואס מען קען נישט רֶעדְן מיט מענטשן, עס איז דָא זַאכְן וואס מען קען נָאר רֶעדְן בַּיי 'הִתְבּוֹדְדוּת', אִיךְ קען נישט דֶערְצֵיילְן פַאר מענטשן ווער אִיךְ בִּין, וואס אִיךְ האב אַלֶץ גֶעטוֹן, ווייל מען ווֶעט מיר מַאכְן אויס קֶענִיג, מען ווֶעט גֶעוָואוּיר ווערן ווער אִיךְ בִּין.

## יֶעצְט ווֶעט מען גֶעוָואוּיר ווערן דעם אֱמֶת...

אַזוֹי איז עס מיט יֶעדֶע מענטש, יֶעדֶער אֵיינֶער האט זַאכְן וואס ער קען נישט רֶעדְן מיט מענטשן, בַּיי יֶעדְן איז דאס בַּיי אַ אַנְדֶערֶע סָארְט זַאךְ, פַאר אֵיינֶעם איז שְׁוֶוער צו דֶערְצֵיילְן פַאר אַ חָבֵר: "**אִיךְ זוּךְ אַ דְזִשַׁאבּ**", ווייל ער פַארְקוֹיפְט דאך פַאר יֶעדְן אַז ער האט גֶעלְט, יֶעצְט ווֶעט מען גֶעוָואוּיר ווערן דעם אֱמֶת... אַ צְווֵייטֶער קען דאס יָא זָאגְן, ער שֶׁעמְט זיך נישט צו דֶערְצֵיילְן אַז ער האט פַארְלוֹירְן זַיין דְזִשַׁאבּ, זַיין קַאר, זַיין גֶעלְט, אָבֶּער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ קען ער נישט דֶערְצֵיילְן, ער קען נישט דֶערְצֵיילְן פַאר קֵיינֶעם: "**אִיךְ האב נישט קיין 'שְׁלוֹם בַּיִת', די גַאנְצֶע זַאךְ איז אַן אָנְשְׁטֶעל, מיר קוּמֶען, מיר גֵייעֶן, מיר גֵייעֶן אַרוּיס עֶסְן, אָבֶּער די גַאנְצֶע זַאךְ איז אַ שְׁפִּיל וואס מיר שְׁטֶעלְן אָן עס זאל אויסזֶען כְּאִילוּ מיר האבן שְׁלוֹם בַּיִת...**"

## אִיךְ בִּין אַ קְלֵיין קִינְד...

אַ מענטש בְּלָאזְט אויף זַיין ווייבּ, ווייל זי האט אים געזאגט אַ וָוארְט, פַאר ווֶעמֶען קען ער דאס דֶערְצֵיילְן? פַאר ווֶעמֶען זאל ער גֵיין זָאגְן: "**אִיךְ בִּין אַ קְלֵיין קִינְד, מַיין ווייבּ האט מיר געזאגט אַ וָוארְט און אִיךְ בְּלָאז שׁוֹין אויף איר אַ לֶענְגֶערֶע צַייט**", קֶענְסְט עס נָאר דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אייבערשטן!

## אִיךְ בִּין דאך אַ חָשׁוּבְ'ער מענטש...

פַאר ווֶעמֶען קען אִיךְ דֶערְצֵיילְן: "**אִיךְ האב אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן**"? פַאר ווֶעמֶען קען אִיךְ דֶערְצֵיילְן: "**אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן**"? אִיךְ בִּין דאך אַ חָשׁוּבְ'ער מענטש, מַיין חָבֵר ווֶעט דאך מיר אָפְּלָאזְן!

## עס האט טַאקֶע נישט קיין הֶענְט און קיין פִיס

ווען מען רֶעדְט פון עֲבֵירוֹת טְרַאכְט מען אַלֶץ 'מִן הַסְּתָם רֶעדְט מען פון ווייטֶע מענטשן...'; אַ מענטש וואס פִירְט אַ קְהִלָּה איז צוּגֶעקוּמֶען צו מיר, אִיךְ קען עס נישט זָאגְן מיט קיין פְּרָטִים, ער איז אַ חָשׁוּבְ'ער מענטש, זָאגְט ער מיר: "**אִיךְ מוּז דיר זָאגְן, דוּ הָאסְט מיר גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן, אִיךְ האב זיך פַארְשְׁפֶּעפֶּעט מיט מיט אַ נִסָּיוֹן, אַן אֵשֶׁת אִישׁ, עס האט גֶעפֶּעלְט אַ הָאר אִיךְ זאל נישט זִינְדִיגְן רַחֲמָנָא לִצְּלָן, פּוּנְקְט דֶעמָאלְט האב אִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה און אִיךְ בִּין נִצַּל גֶעוָוארְן**", אִיךְ קוּק אים אָן, 'דוּ בִּיסְט גֶעשְׁטֶעלְט מִטַּעַם הַקְּהִלָּה אַז מען קען רֶעדְן מיט דיר, דוּ טוּסְט מיט מענטשן וכו', בִּיסְט מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן?!' ער זֶעט ווי אִיךְ וואוּנְדֶער זיך, זָאגְט ער מיר: "**פְרֶעג מיר נישט וואס די מַעֲשֶׂה איז גֶעוֶוען, עס האט טַאקֶע נישט קיין הֶענְט און קיין פִיס, עס האט נישט קיין שֵׂכֶל, אָבֶּער כָּךְ הָוָה הַמַּעֲשֶׂה, עס האט גֶעפֶּעלְט אַ הָאר אִיךְ זאל ווערן פַארְשְׁנִיטְן פון די וועלט און פון יֶענֶע וועלט, עס האט גֶעפֶּעלְט אַ הָאר אִיךְ זאל אַרָאפְּפַאלְן מיט אַ פְרֶעמְדֶע פְרוֹי רַחֲמָנָא לִצְּלָן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ האב גֶעטְרָאפְן דעם רֶבִּי'ן, אִיךְ האב גֶעטְרָאפְן די פָּשׁוּטְ'ע דִיבּוּרִים פון הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ און דאס האט מיר גֶערַאטֶעוֶועט!**"

## אַבִּיסְל שֵׂכֶל

הֶערְנְדִיג דאס האב אִיךְ נָאכְאַמָאל גֶעזֶען אַז אַ מענטש קען נישט אַלֶעס

דֶערְצֵיילְן, פַאר וֶועמֶען זָאל עֶר גֵיין דֶערְצֵיילְן: **"אִיךְ הָאבּ אַ נִסָיוֹן מִיט אַ פְרֶעמְדֶע פְרוֹי"?!** אֲפִילוּ פַאר זַיין רֶבִּי קֶען עֶר דָאס נִישְׁט דֶערְצֵיילְן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן דֶערְצֵיילְן פַאר סְתָּם מֶענְטְשְׁן - דָאס קֶען עֶר דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט, אַז דוּ דֶערְצֵיילְסְט פַאר מֶענְטְשְׁן: **"אִיךְ הָאבּ אַ נִסָיוֹן צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה"**, וֶועט מֶען טְרַאכְטְן בִּיסְט מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן? וָואס גֵייט פַאר מִיט דִיר? דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ נָארְמַאלֶע מֶענְטְשׁ?! וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עב) **"שֶׁמִי שֶׁהוּא חָכָם אֱמֶת קְצָת, אֵינוֹ נֶחְשָׁב אֶצְלוֹ זֹאת הַתַּאֲוָה לְשׁוּם נִסָּיוֹן. אֲפִלּוּ אִם תִּתְבַּע אוֹתוֹ אִשָּׁה יָפָה בִּמְקוֹם סֵתֶר, שֶׁיִּהְיֶה בְּיָדוֹ לְמַלֹּאת הַתַּאֲוָה, הוּא אֶצְלוֹ רַק שְׁטוּת וְשִׁגָּעוֹן, וְאֵינוֹ נֶחְשָׁב לוֹ לְנִסָּיוֹן כְּלָל"**, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ נָאר אַבִּיסְל שֵׂכֶל אִיז בַּיי אִים נִישְׁט דָא דִי גַאנְצֶע נִסָיוֹן פוּן נִיאוּף, אֲפִילוּ עֶר זָאל עֶס קֶענֶען טוּן, עֶר וֶועט הָאבְּן אַ נִסָיוֹן מִיט אַ שֵׁיינֶע פְרוֹי אִין אַ בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלַאץ, אוּן הָאבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ טוּן דִי עֲבֵירָה, אוֹיבּ אִיז דֶער אַ מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ נָאר אַבִּיסְל קְלוּג, אַ חָכָם אֱמֶת קְצָת אִיז דָאס בַּיי אִים בִּכְלַל נִישְׁט קַיין נִסָיוֹן.

## וַויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אוּן אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט דֶער 'חָכָם אֱמֶת קְצָת', בִּיסְט יָא דוּרְכְגֶעפַאלְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, פַאר וֶועמֶען זָאלְסְטוּ דָאס גֵיין דֶערְצֵיילְן? דָאס קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר קֵיינֶעם, דֶערְצֵייל עֶס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, נֶעם דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, וַויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין אַ נִסָיוֹן, הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ דִיר".

## קָאלֵייטֶע"ס, קְרָאוֹנְ"ס, מָאגְן בְּרֶענֶענִישׁ, טָאמְ"ס

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד), אַז אַלֶע מַחְלוֹת קוּמֶען פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אַלֶע דָאקְטוֹירִים זָאגְן קְלָאר, אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט זִיךְ אוֹיף מִיט אִינֶערְלִיכֶע יְסוּרִים, פוּן זַאכְן וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, בְּרֶענְגְט דָאס צוּ קְרֶענְק אִין דִי קִישְׁקֶעס; מֶען בַּאקוּמְט קָאלֵייטֶע"ס, קְרָאוֹנְ"ס (Crohn's & Colitis disease), מָאגְן בְּרֶענֶענִישׁ וְכַדוֹמֶה, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס קֶענֶען נִישְׁט לֶעבְּן אָן טָאמְ"ס (tums), אַלֶעס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ עֶסְט זִיךְ אוֹיף אִינֶערְלִיךְ, דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייט וָואס עֶר קֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר קֵיינֶעם, עֶר הָאט עֶס נִישְׁט מִיט וֶועמֶען דוּרְכְצוּרֶעדְן, וָואלְט עֶר גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וָואלְט עֶר גֶעבְּלִיבְּן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. פְּרוּבִּיר עֶס אוֹיס, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם עֶס גֵייט אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער דָאס אוּן דָאס, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ"**.

## עֶס הֶעלְפְט נָאר אוֹיף צַייטְוֵויילִיג

מֶענְטְשְׁן צָאלְן שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער צוּ גֵיין רֶעדְן מִיט אַ מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ בֶּעט הוּנְדֶערְט, הוּנְדֶערְט צְוָואנְצִיג דָאלֶער - אַ שָׁעָה, דָאס אִיז שׁוֹין בִּילִיג גֶערֶעדְט, אוּן אִיךְ פִּיל זִיךְ אַזוֹי גוּט, יֶענֶער הֶערְט מִיךְ אוֹיס. דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן דֶערְצֵיילְן: **"דוּ וֵייסְט, מֶען הָאט מִיר גֶע'רוֹדְפְ'ט אַלְס קִינְד, מַיין מַאמֶע הָאט מִיר דָאס גֶעטוּן, מַיין טַאטֶע הָאט מִיר יֶענְץ גֶעטוּן, דוּ וֵייסְט וָואס אִיךְ בִּין אַלֶץ דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען..."** דֶער מֶענְטְשׁ פִּילְט אַזוֹי גוּט, אֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט מִיר, אֵיינֶער הֶערְט מִיךְ אוֹיס, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער, דָאס וֵוייטָאג גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס הֶעלְפְט נָאר אוֹיף צַייטְוֵויילִיג, הַיינְט מָארְגְן פִּילְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ גוּט, אָבֶּער בַּאלְד דַארְף אִיךְ גֵיין צוּ נָאךְ אֵיינֶעם זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן, וַוייל עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִינֶעוֵוינִיג אִין הַארְץ, וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶענוּמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, עֶר וָואלְט גֶעגַאנְגֶען אִין אַ זַייט אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶע זַיינֶע אִינֶערְלִיכֶע וֵוייטָאג - וָואלְט עֶר אִינְגַאנְצְן גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

## הַאלְבּ הָאט מֶען שׁוֹין גֶע'פּוֹעֶלְ'ט

מֶען דַארְף וִויסְן אַז 'תְּפִלָּה' אוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת' זֶענֶען צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע זַאכְן, דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט [לֵיל שִׁשִּׁי פַּרְשַׁת וַיֵּרָא] בַּיים שִׁיעוּר הָאבְּן מִיר שׁוֹין גֶערֶעדְט דֶערְפוּן. דִי גַאנְצֶע עוֹלָם דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם מִיט 'מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה', **"אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעמַאכְט נֶערְוֶועז, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ בִּין פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן יֶענֶעם"**, **"אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט אַ קִינְד, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס אִיז בֶּעסֶער גֶעוָוארְן"**, דָאס אִיז דִי זַאךְ פוּן 'תְּפִלָּה', אַ מֶענְטְשׁ זָאל בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ קוּם אַהֵיים, הֶעלְף מִיר עֶס זָאל זַיין אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה"** וְכַדוֹמֶה, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז הַאלְבּ הָאט מֶען שׁוֹין גֶע'פּוֹעֶלְ'ט, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז עוֹסֵק אִין 'תְּפִלָּה', מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְדֶעם אִיז אָבֶּער דָא דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס אִיז 'הִתְבּוֹדְדוּת', דָאס וֵוייס אִיךְ נִישְׁט צִי מֶען קֶען אַזוֹי שְׁנֶעל אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אַ מֶענְטְשׁ; אִין אָנְהוֹיבּ אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּן.

## אִין כִּתָּה ג' הָאט מֶען מִיר פַארְשֶׁעמְט

וָואס מֵיינְט הִתְבּוֹדְדוּת? שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי דוּ וָואלְסְט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַ מֶענְטְשׁ, מֶענְטְשְׁן קוּמֶען מִיר פְרֶעגְן: **"דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אַפָּאר מִינוּט פַאר מִיר, אִיךְ וִויל דֶערְצֵיילְן מַיין גַאנְצֶע עָבַר"**, אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס בַּאקוּמֶען אַ בְּרִיוו פוּן אֵיינֶעם, עֶר שְׁרַייבְּט מִיר אַז, עֶר וִויל מִיר שְׁרַייבְּן זַיין גַאנְצֶע עָבַר, "וַוייל אַזוֹי וֶועט מִיךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה בֶּעסֶער אַרוֹיסְהָאבְּן וֶוער אִיךְ בִּין, סְתָּם אַזוֹי וֶוען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְטְפֶערְט מִיר מַיינֶע שְׁאֵלוֹת קֶען זַיין דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֵוייסְט נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ וֶוער אִיךְ בִּין, דֶערְפַאר וִויל אִיךְ דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה פוּן מַיין טַאטֶע, פוּן מַיינֶע זֵיידֶעס, פוּן וואוּ אִיךְ שְׁטַאם..." מַמָּשׁ דָאס אִיז 'הִתְבּוֹדְדוּת', מֶען גֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן שְׁמוּעֶסְן: **"בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל דִיר דֶערְצֵיילְן מַיין גַאנְצֶע עָבַר, אִין כִּתָּה ג' הָאט מֶען מִיר פַארְשֶׁעמְט וְכוּ' וְכוּ'"** א.א.וו. פוּן אַלְס יוּנְג קִינְד בִּיז יֶעצְט.

## מֶען וַוארְפְט זִיךְ נִישְׁט קַיין טֶעלֶערְס...

פַאר וֶועמֶען זָאל אִיךְ דֶערְצֵיילְן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שְׁלוֹם בַּיִת? נָאר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן! רוֹב מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן נִישְׁט צוּזַאמֶען מַאן אוּן וַוייבּ, נִישְׁט 'רוֹב' נָאר 'כִּמְעַט אַלֶע מֶענְטְשְׁן'; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט **"אִיךְ הָאבּ שָׁלוֹם בַּיִת"** - מֵיינְט עֶס אַז מֶען וַוארְפְט זִיךְ נִישְׁט קַיין טֶעלֶערְס... מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען 'שָׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעמֶען' מֵיינְט אַז מֶען וַוארְפְט זִיךְ זַאכְן, מֶען קְרִיגְט זִיךְ אַרוּם, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אֲפִילוּ וֶוען מֶען וַוארְפְט זִיךְ נִישְׁט קַיין זַאכְן מֵיינְט דָאס נָאכְנִישְׁט 'שָׁלוֹם בַּיִת' וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ לֶעבְּן צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע לֶעבְּנְ'ס, מַמָּשׁ זֶעלְטְן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן 'שָׁלוֹם בַּיִת' - אַז מַאן אוּן וַוייבּ זָאלְן לֶעבְּן צוּזַאמֶען אַזוֹי וִוי אֵיין מֶענְטְשׁ, דָאס קֶען מֶען נָאר הָאבְּן אַז מֶען הָאט עֶטְלִיכֶע זַאכְן, מֶען הָאט אַ 'צַדִּיק', מֶען אִיז 'מְוַותֵּר' אוּן מֶען 'זוּכְט אוֹיף דָאס גוּטְס' בַּיי יֶענֶעם.

## אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ חֶסְרוֹנוֹת

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זֶעט גוּטְס אִין זִיךְ, וֶוען דוּ רֶעגְסְט זִיךְ אוֹיף - **"הָאבּ אִיךְ זִיךְ פַארְלוֹירְן"**, אוּן וֶוען זִי רֶעגְט זִיךְ אוֹיף אִיז דָאס נִישְׁט צוּם פַארְשְׁטֵיין - **"וָואס שְׁרֵייט זִי? זִי קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן?!"** אָבֶּער אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן קֶען מֶען הָאבְּן אַ רִיכְטִיגֶע 'שָׁלוֹם בַּיִת', אִיךְ זֶע דָאס גוּטְס אִין אִיר, זִי אִיז אַ וואוֹילֶע פְרוֹי, זִי הָאט טַאקֶע חֶסְרוֹנוֹת אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ חֶסְרוֹנוֹת, וֶוען מִיר גֵייעֶן גֵיין צוּ אַ 'שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער' קֶען אִיךְ אַרָאפְּלֵייגְן גֶעהֶערִיגֶע טַעֲנוֹת אוֹיף אִיר, אוּן זִי קֶען אַרָאפְּלֵייגְן גֶעהֶערִיגֶע טַעֲנוֹת אוֹיף מִיר, אִיךְ וִויל נִישְׁט אֵיינֶער זָאל אוֹיפְבְּרֶענְגֶען מַיינֶע חֶסְרוֹנוֹת, זִי וִויל אוֹיךְ נִישְׁט אֵיינֶער זָאל אוֹיפְבְּרֶענְגֶען אִירֶע חֶסְרוֹנוֹת.

## עֶפֶּעס אִיז גֶעשֶׁען מִיט דִיר

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת כה:): **"אָדָם קָרוֹב אֵצֶל עַצְמוֹ"**, אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זַיינֶע נַאטוּרְן פוּנֶעם גֶעבּוּרְט, דֶערְפַאר וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה מִיט אַ פְרוֹי וָואס קוּמְט פוּן אַ צְוֵוייטֶע סָארְט שְׁטוּבּ, נִישְׁט אַזוֹי וִוי דוּ בִּיסְט גֶעוואוֹינְט, דַארְפְסְטוּ זוּכְן דָאס גוּטְס פוּן אִיר, אוּן מַאכְן דֶערְפוּן אַ גַאנְצֶע עֵסֶק. אוֹיבּ הָאסְטוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן אִיר - דַארְפְסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּן, זִי הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעטוֹישְׁט, עֶפֶּעס אִיז גֶעשֶׁען מִיט דִיר.

## זִי מוּז נִישְׁט וֶוערְן מְקוּרָב

אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, מוּזְטוּ

זֶען צוּ הָאבְּן 'שָׁלוֹם בַּיִת'; אַז זִי הָאט אַ אַנְדֶערֶע וֶועג פוּן טְרַאכְטְן, מֶעג זִי טְרַאכְטְן אִיר וֶועג, זִי מוּז נִישְׁט טְרַאכְטְן אַזוֹי וִוי דִיר! אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גוּטֶע זַאכְן, עֶס בַּאדֶערְט פַאר'ן מַאן: **"פַארְוָואס וִויל נִישְׁט מַיין וַוייבּ מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי מִיר?"** זִי מוּז נִישְׁט וֶוערְן מְקוּרָב, מֶען קֶען לֶעבְּן אַ 'חַיִּים טוֹבִים וּמְתוּקִים' אֲפִילוּ וֶוען דִי וַוייבּ אִיז נָאכְנִישְׁט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, זִי גֵייט מְקוּרָב וֶוערְן.

### וֶוער דוּ אִיר חַבֶרְ'טֶע!

**"אָבֶּער זִי רֶעדְט אַ גַאנְצְן טָאג צוּ אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס"**, דַאן וֶוער דוּ אִיר חַבֶרְ'טֶע! פַארְוָואס רֶעדְט זִי מִיט אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס? וַוייל זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן זִיךְ, אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ פַארְשְׁטֵיין מִיט אִיר וֶועט זִי אָנְהֵייבְּן שְׁמוּעֶסְן מִיט דִיר.

### הַכָּרַת הַטּוֹב...

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַלֶעס גֶעוואוּסְט אוּן אַלֶעס גֶעזֶען, וֶוען מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן בַּיי דִי רֶעבִּיצִין יֶענֶע מַעֲשֶׂה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ נִישְׁט גֶעוָואלְט זִי זָאל נֶעמֶען קַיין טְרִיטְמֶענְטְס, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִיר גֶעזָאגְט: **"אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט נֶעמֶען קַיין טְרִיטְמֶענְטְס וֶועסְטוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט!"** מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן אַז אוֹיבּ זַיין וַוייבּ וֶועט נֶעמֶען טְרִיטְמֶענְטְס וֶועט מוֹהֲרָא"שׁ אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט זִי אַוֶועק גֵיין; אָבֶּער וֶוען זִי הָאט זִיךְ אַיינְגֶע'עַקְשָׁנְ'ט אוּן גֶע'טַעֲנָה'ט אַז זִי וִויל דַּיְיקָא יָא נֶעמֶען קִימָא טֶערֶעפִּי, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אִיר גֶעהָאלְפְן אַז זִי זָאל דָאס קֶענֶען טוּן, אוּן נִישְׁט סְתָם גֶעהָאלְפְן, נָאר מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר יֶעדְן טָאג גֶערוּפְן צִי אִיךְ קֶען צוּשְׁטֶעלְן אַ קַאר מִיט אַ דְרַייוֶוער, וֶוען זִי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט נֶעמֶען דִי טְרִיטְמֶענְטְס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעקוֹיפְט פַאר דֶעם בָּחוּר וָואס הָאט גֶעהָאלְפְן טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען זַיין וַוייבּ - אַ זִילְבֶּערְנֶע בֶּעכֶער אוּן אַריינְגֶעקְרִיצְט דֶערִין אַז דָאס אִיז אַלְס "הַכָּרַת הַטּוֹב..." אוּן כַּךְ הֲוָה, קוֹדֶם אִיז מוֹהֲרָא"שׁ אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט אוּן נָאכְדֶעם זַיין וַוייבּ; וֶוען אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען מְנַחֵם אָבֵל זַיין דִי רֶעבִּיצִין [מֶען הָאט שׁוֹין זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז אִיךְ זָאל שְׁנֶעל מוּזְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דָארְט, נִישְׁט רֶעדְן צוּפִיל מִיט אִיר...], הָאט זִי גֶעוֵויינְט פַארְוָואס זִי הָאט נִישְׁט גֶעפָאלְגְט מוֹהֲרָא"שׁ, זִי הָאט גֶעזָאגְט: "עֶר הָאט מִיר דָאס טַאקֶע גֶעהַאט גֶעזָאגְט, אָבֶּער מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעגְלוֹיבְּט אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי"...

### אִיךְ וֶועל אִיר הֶעלְפְן אוֹיף אִיר וֶועג

דָאס אִיז אַ לִימּוּד פַאר אוּנְז, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט, בָּרוּךְ הַשֵּׁם מַיין וַוייבּ אִיז גֶעזוּנְט, אָבֶּער זִי טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ פוּן מִיר, וֶועל אִיךְ אִיר הֶעלְפְן אוֹיף אִיר וֶועג. אַוַודַאי קֶען דֶער מַאן זָאגְן זַיין מֵיינוּנְג אוּן מֶען דַארְף זָאגְן אַ מֵיינוּנְג, 'שָׁלוֹם בַּיִת' מֵיינְט נִישְׁט: "אִיךְ טוּ גָארְנִישְׁט, אִיךְ זָאג גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד", נֵיין! 'שָׁלוֹם בַּיִת' מֵיינְט: "אִיךְ בִּין וֶוערְד אוּן אִיךְ זָאג וָואס אִיךְ הַאלְט", אָבֶּער אַז זִי וִויל אַנְדֶערְשׁ, אַז זִי טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ, מֶעג זִי ווילְן אוּן טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי זִי וִויל; דָאס אִיז גֶעוֶוען מוֹהֲרָא"שׁ.

### אוֹיסְגֶעהֵיילְט אָן קַיין טְרִיטְמֶענְטְס

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גוֹי וָואס פְלֶעגְט פַארְדִינְגֶען אַ פְּלַאץ אִין אוּמַאן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ, מוֹהֲרָא"שׁ זָאל דָארְט קֶענֶען מַאכְן זַיין מִנְיָן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אֵיין יָאר הָאט דֶער גוֹי גֶעוָואלְט אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם פְּלַאץ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, עֶר זָאל מֶער נִישְׁט קֶענֶען דַאוֶוענֶען דָארְט, דֶעם גוֹי'ס וַוייבּ הָאט בַּאקוּמֶען יֶענֶע מַעֲשֶׂה, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אִים גֶעזָאגְט: **"אַז דוּ לָאזְט מִיר דָא וַוייטֶער דַאוֶוענֶען וֶועט זִי וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט אָן קַיין טְרִיטְמֶענְטְס"**, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אֱמוּנָה הָאבְּן זֵיי מַסְכִּים גֶעוֶוען וַוייטֶער לָאזְן מוֹהֲרָא"שׁ דָארְט דַאוֶוענֶען, דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען מַאכְן נָאךְ אַ טֶעסְט אוּן עֶס אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אַז זִי אִיז גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

### אֵייגֶענֶעם מִנְיָן אִין אוּמַאן

פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעמַאכְט אַן אֵייגֶענֶעם מִנְיָן אִין אוּמַאן? פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט אִין קְלוֹיז? נָאר מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: "קוּק אַרַיין אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, דָארְט שְׁטֵייט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקפא, סְעִיף א, בְּרְמָ"א) אוֹיבּ דֶער שְׁלִיחַ צִיבּוּר הָאט פַיינְט אֲפִילוּ נָאר אֵיינֶעם פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אִיז נִישְׁט נָאר דֶעם וֶועם עֶר הָאט פַיינְט - אִיז נִישְׁט יוֹצֵא, נָאר קֵיינֶער פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיז נִישְׁט יוֹצֵא דָאס דַאוֶוענֶען אוּן תְּקִיעוֹת", דֶערְפַאר הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִיךְ אָפְּגֶעטֵיילְט אוּן גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען אִין אַ בַּאזוּנְדֶערֶע מִנְיָן, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחֲלֹקֶת.

### מִיר גֵייעֶן מַאכְן שָׁלוֹם...

עֶס אִיז פַארְקֶערְט וָואס מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן; 'שָׁלוֹם' מֵיינְט נִישְׁט דַאוֶוענֶען מִיט יֶענֶעם אִינְאֵיינֶעם, 'שָׁלוֹם' מֵיינְט אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט פַארְגַאנְגֶענֶע וָואךְ אִין דִי סֶדְרָה: **"וַיֹּאמֶר אַבְרָם אֶל לוֹט אַל נָא תְהִי מְרִיבָה בֵּינִי וּבֵינֶךָ וּבֵין רֹעַי וּבֵין רֹעֶיךָ ... הִפָּרֶד נָא מֵעָלָי"** (בְּרֵאשִׁית יג, ח-ט), אַבְרָהָם הָאט גֶעזָאגְט פַאר לוֹט: "עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין קְרִיגֶערֵיי צְווִישְׁן מִיר אוּן דִיר, אוּן צְווִישְׁן מַיינֶע פַּאסְטוּכֶער אוּן דַיינֶע פַּאסְטוּכֶער ... דֶערִיבֶּער שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּן נֶעבְּן מִיר", זָאגְט דֶער בַּעַל הַטּוּרִים: **"וַיִּפָּרְדוּ אִי'שׁ' מֵעַ'ל' אָחִי'ו' אַבְרָ'ם'"** (שָׁם, יא-יב), **"סוֹפֵי תֵּיבוֹת 'שָׁלוֹם', לוֹמַר כְּדֵי לַעֲשׂוֹת שָׁלוֹם נִתְפָּרְדוּ"**, דָאס אִיז אַ שֵׁיינֶע חִידּוּשׁ, וַוייל דָאס הֵייסְט 'שָׁלוֹם', אַז דוּ טוּסְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דוּ פִּירְסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי אַ אִיד, דַיינֶע שָׁאף עֶסְן פוּן פְרֶעמְדֶע פֶעלְדֶער, גֵייעֶן מִיר מַאכְן שָׁלוֹם אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִיר!

### דָאס הֵייסְט זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין יֶענֶעמְ'ס גֶעשֶׁעפְטְן

אַגַב, אִיךְ הֶער נִישְׁט קַיין סַאךְ דִי 'שִׂיחוֹת חֲבֵרִים' פוּן קוֹל בְּרֶסְלֶב, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעהֶערְט וִוי אֵיינֶער זָאגְט דָארְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק **"וַיְהִי רִיב בֵּין רֹעֵי מִקְנֵה אַבְרָם וּבֵין רֹעֵי מִקְנֵה לוֹט"** (שָׁם פָּסוּק ז), עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קְרִיגֶערֵיי צְווִישְׁן דִי פַּאסְטוּכֶער פוּן אַבְרָם אוּן דִי פַּאסְטוּכֶער פוּן לוֹט, זָאגְט יֶענֶער: וִוי אַזוֹי הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי קְרִיגֶערֵיי? וַוייל דִי פַּאסְטוּכֶער פוּן אַבְרָם הָאבְּן גֶעקוּקְט אוֹיף יֶענֶעם, זֵיי הָאבְּן גֶע'מוּסָר'ט לוֹט'ס פַּאסְטוּכֶער אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן גֶזֶל וָואס זֵיי פַּאשְׁן זֵייעֶרֶע בְּהֵמוֹת אִין פְרֶעמְדֶע פֶעלְדֶער, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין יֶענֶעמְ'ס גֶעשֶׁעפְטְן... - דָאס טָאר מֶען נִישְׁט זָאגְן אוּן הֶערְן! דָאס הֵייסְט זִיךְ מִישְׁן אִין יֶענֶעמְ'ס גֶעשֶׁעפְטְן?! אַז אִיךְ זֶע וִוי דוּ פַּאשֶׁעסְט אִין פְרֶעמְדֶע פֶעלְדֶער קֶען אִיךְ נִישְׁט זַיין מִיט דִיר, אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן דִיר צוּ מַאכְן מַחֲלֹקֶת, פַארְקֶערְט וִוילַאנְג אִיךְ בִּין מִיט דִיר צוּזַאמֶען וֶועלְן מִיר זִיךְ קְרִיגְן, אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ שֵׁיידְן וֶועלְן מִיר קֶענֶען זַיין בְּשָׁלוֹם, אַזוֹי וִוי דֶער בַּעַל הַטּוּרִים זָאגְט דָארְט.

אִיז דֶער מֶלֶךְ זֵייעֶר פַארְזָארְגְט גִיוָוארְן אִין גְרוֹיס דַאֲגָה. הָאט עֶר גִיהֵייסְן דִי שָׂרִים. אַז מֶען זָאל זִיךְ אוּמְקֶערְן. וָוארְן וַוייל סֶע אִיז אוֹיף אִים גִיפַאלְן דַאֲגָה. בַּאדַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין נִיט שְׁפַּאצִירְן.

### וָואס אִיז וֶוערְד דִי גַאנְצֶע וַואקַאצִיֶע

וַוייל וָואס אִיז וֶוערְד דִי גַאנְצֶע וַואקַאצִיֶע אוֹיבּ דָאס מַאכְט מִיר דֶעפְּרֶעסְט, אוֹיבּ דָאס מַאכְט מִיר מָרָה שְׁחוֹרָה, דֶערְפַאר הָאט דֶער קֶענִיג בַּאשְׁלָאסְן צוּרִיק אַהֵיים פַארְן, עֶר זָאל צוּרִיק וֶוערְן פַארְנוּמֶען וֶועט עֶר מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן...

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַּעַת, מִיר זָאלְן יֶעדְן טָאג זִיךְ אַבִּיסְל מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ פְרֶעגְן: "וָואס וִויל אִיךְ דָא? וָואס אִיז דָאס וָואס אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אַרוּם אוֹיף דִי וֶועלְט? פַארְוָואס קְרִיג אִיךְ זִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ, מִיט מַיינֶע קִינְדֶער?" וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: **"שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מַהֵר עֲנֵנוּ, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ. אַשְׁרֵנוּ אַשְׁרֵנוּ, מַה טּוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּינוּ"**.